מוישע טייטש

# טעג אָן דיר

קליינע פאעמען

מאסקווע — 1922

געזעצט, געבראכן, געדרוקט און
געבראשירט דורך די טאלמידים
פון ערשטן האלבן שול-יאר.

# טעג און ד״ר.

# טעג און דיה·

ווערע׳ן

אין פעלד אויף א מעזשע אין ווייסקייט א שטיין איז אין לויטער פון פריהארבסט אזוי אין מיין זעאונג דער הארבסט און ער אין בלאס־קייט מיט פינגער די מאיסעלע פון לעבען אין צופונג צופ-צופ און אין פעדימל פעדימל פתו אינם לאזן אויף שטראל און אויף שטראלן וואו שווימענדיק צו נאר אינם הארבסט.

און איך אינם אויך בין אין דא און אזוי אינם לעזן און טייטלענ־דיק אט מיטן שפיץ פונם בליק און אין פעדימל אס און אין פעדימל ווארט איז אט אין נאאיווקייט און אוראלט פון שפראך די מאיסעלע ווי־אויב ניט זי אין געשריפט.

אין די אלטע גוטע צייטן, ווען פרינצן זיינען נאך געווען פרינצן, איז באַ איינעם אַ פרינץ געבארן געווארן אַ זון. און ווי דער מינהעג איז דאמאלסט געווען, זיינען צום גליקליכן פאטער באלד געקומען די גרעסטע קישעפמאַכער פון לאַנד און יעדערער האט געבראַכט זיין ברא־כע פאַר דעם נייגעבארענעם. און געווען צווישן די בראכעס איז אַלץ, פון וואס א מענש האט נאר געקאנט אמאל טרוימען: אי רייכקייט, אי קא־ווער, אי הערשאַפט, אי לאַנגע יאר. אבער דער פאטער, אַ מאן שוין אין די עלטערע יארן און רייך מיט לעבנס־ערפארנקייט, האט זיך אפ־גערופן צו די קישעפמאכער:

— די אַלע גוטע זאַכן האבן שוין פילע געהאט, אבער קיינעם אויף דער וועלט האבן זיי אך קיין גליק ניט געבראכט. די טעווע פון מענש איז אין זיין יאגונג נאך גליק, אַז אייביק שטרעבט ער וווייטער, אלץ וויטער און העכער, אַזוי אַז אין גאנצן אומבאמערקטערהייט יאגט ער אליין אריבער זיין גליקליכע צייט, און ־ אז ער זעט זיך לעצטנס אַרום, און דאס קומט פאר געוויינליך סאמע פאַרן טויט, איז שוין נאַטירליך שפעט. איך וויל, אז מיין קינד זאל דעם ריכטיקן מאמענט ניט פאַרזעהען, און

אַז ער וועט שטיין בא דער העכסטער שטופּע פון גליק, וואָס א מענש קאָן נאר דערגרייכן, זאל ער באקומען אַ צייכן דערויף, און דאַן זאל ער קענען זאגן צו זיך און צו דער גליקליכסטער צייט זיינער: שטיי!

איז דאן מיט א קלוגן שמייכל פאראויס אַרויסגעטראָטן דער עלט-סטער פון אלע קישעפמאכער און האָט אזוי געזאָגט צום פּרינץ:

— האָסט גוט געבעטען, קליגסטער פּריגץ! און אין דערפילונג פון דיין פארלאַנג וועט זיין אזוי: אז דו וועסט מארגן ארויסגיין אין גארטן, וועסטו דארט געפינען א יונג אויסגעוואקסן בוימל און אויף אים צוויי קליינע גאלדענע עפּעלעך, לויט דער צאָל טעג פון דיין קינדס לעבן. און וואָס אַ טאג ווייטער, וועט דאס בוימל וואקסן אלץ גרעסער און אלץ מערער וועלן צוקומען אויף אים עפּל, און גרויס וועט ווערן דער בוים, און פיל, זעהר פיל וועט ער האָבן אויף זיך גאָלדענע עפּל—בייטאג וועלן זיי בליצן אין די שטראלן פון דער זון און ביינאכט אין די שטראלן פון לעוואָנע און שטערן.

און אז עס וועט קומען די ריכטיקע צייט, וואָס מענשן האָבן ווירקליך די שוואַכקייט, לויט דיין טרעפנדיקער באַמערקונג, קליגסטער פּרינץ, צו פארזעהען, וועלן דאן די עפּל פון בוים נעמען פאלן, פאלן ביז דער בוים וועט אין גאַנצן בלייבן נאקעט, קיין נייע גאָלדענע עפּל וועלן מער אויף אים ניט וואקסן, און דאָס וועט זיין דער צייכן——

און אט איגנם זיין איז די טעג פון די עפּל אין גאָלד און אין פאַלונג פון מיר און אין צייכנקייט איז וואס אין אָ דאס אויב ניט זי די גרענעץ.

איז דעריבער דער זאג צו די טעג מיינע שטייט און פון מיר און צו זיך איז מיין זאָג אזוי שטיי און ביז דאַנען.

און די פאלגזאַמקייט פון די טעג און פון זיי אז איך זע אין דער שטייאונג איז וואָס נאר צו גליק און צו רו איז מיין טואונג שוין גאר-נישט און אזוי איז מיין זעאונג נאָר עפּל ווי זיינען אין גאָלד און אין פאַלונג פאלט פאלט.

און די טעג אַז זיי זיינען אן דיר איז דעריבער אין פאלונג איך שיק זיי אַרויס צו שילוכים וואָס הייסט אין באגריסונג איך באַפעל צו אירע פיס.

ווארום אז דאס גליק איז אויסגעוואקסן און עס האט א מענש-ליכן קאָרבן געפאדערט, איז אין שמייכל דערצו דיין האסקאמע געווען, איפיגעניע דו.

און אט אז די זון איבער קאָפּ אין איר שטייאונג אזוי אינם האלט איז נאר פול און דערמיט דער געדאַנק און די איינזאמע טעג אינם לויטער דערמיט איז און נאר און ווער איז דער יאדער אין פולקייט פון שאָלעכץ אין די טעגיקע דאָען אט איצט אויב ניט זי דו.

---

# טינט-פלעקן.

דא עס איך און איך רו.

איך עס דעם פלייש פון די פעטע אייביקע ביכער און איך רו מיט מיין געדאנק אויף די פרישע פעסטקנאספּנדיקע ברוסטן פון די שלאנקע ווייסלייביקע ברעזעס.

נאר דער דאקטער, וואס האט מיר שטריינג פארבאטן צו דרייען די רעדער פון מויען-מאשין, ווייסט נאר פונם כאזער-פלייש, וואס מען טישט מיט דא יעדן מאל, און פון די טאגטעגליכע איינשפריצונגען, וואס דארפן פארמערן די געפעלטע רויטע קייקעלעך אין מיין בלוט און צו-ריק אויפשטעלן דעם אויסגעריזשעטן טייל מויען, וואס דער אנגעשטריינגט-הונגעריקער געדאנק מיינער האט אים מענשנפרעסעריש אליין פארצערט.

און עס זאגט מיר דער דאקטער דורך יעדע פאר טעג (אז איך דערהער זיינע טריט, גיב איך האסטיק א פארמאך צו און א רוק אפּ פון זיך די ביכער — אייביקע גייסטער, זייט עס מיר מויכל!): עס פרייט מיך אייער אויסזען.

דאנק איך העפליך דעם גוטן דאקטער, און א דערפרייטער מיטן יאמטעף פון מיין איך, שמייכל איך מיט דער פוליאדערדיקייט פון מיין געדאנק צום שטומען אפּמאך מיט אלע מיינע פארגיינגער און כאוויירים ביז אנהויב און סאף פון די דוירעס, און רוהיק און גוט איז מיר אין דער דאאיקער שטומקייט צו וויסן, אז איך בין צווישן זיי דער שארפער שניט אין צושטיקערטן מיטן.

נאר אט איז געקומען די צייט (איך האב שוין לאנג געוואַרט אויף איר אין געהיים), און פון אונטער די בלאסע נעגל פון מיינע פאר-אלמאָנעטע, פון טינט לאנג ריין געוואָרענע פינגער האט אין די נעכט גענומען ארויסוויינען א ביינקעניש נאך א פאלגזאמער, נאכגעביקער פעדער. איינער, וועלכע זיי זאלן ווידער אמאל קענען צערטלען און דריקן אזוי שטייף-שטייף, ווי דאס איז געווען אמאל, אין דער צייט פון זייער קאָלעשאפט, ווען עס פלעגן פונם ליידנשאפטליכן צערטלען דערנאך אויף לאנג איבערבלייבן אויף די נאאיווע אומשולדיק-בלאסע פאפיר-בויגנס די בסולעדיקע פלעקן פונם טינטן-בלוט.

און דאן, ווען די שפיץ-פינגער מיינע האבן זיך פול אנגעגאסן מיט הייסבלוטיקער ליידנשאפט און פיילן-בויגנדיקער פארמאסטנקייט (דאס איז געווען אין איינעם פון די זוניקע הארבסט-טעג), האב איך אויסגעשפרייט אויפן טיש אנ'אפגעהיט פעקל פארמעט-פאפיר (אנ'אלטע מאטאנע פון א געליבטן קינסטלער) און, אין פארגעפיל פון געטליכן שאפונגס-גענוס, האב איך אזוי געזאגט צו די אנגעשטריינקט-פארקרו-טשיקטע פינגער מיינע:

— דא האט איר א בסולע-פעלד, שפאנט די אָקסן פון געדאנק פינם קינסטלערישן יאָך און ציט ווידער די בראזנעס פון די נאכגעביקע שורעס. ווי איר זענט עס געוואָהנט געווען צו טאן אין די הייסע נעכטן און אייער קאַלעשאפט. אבער איינע איז מיין באקאשע צו אייך: מיידט אויס די קאָרטשעס פון די נייאיטעטן און שטעלט ניט אין געפאר דעם שניט. פון אייביקן אומרו ארויס קוקן אויף אייך אלע מיינע זיידעס און עלטער-זיידעס, אנהייבנדיק פון האמערן —

פוסטע בליטן צו רייסן פאר שנעל-שווינדנדיקן עפּעמערישן פוץ איז ניט צוגעמאסטן צום הארבסט פון לעבן. אויסגעפרופט זיינען די ווענט פון די אלטע-אלטע זייער און פרוכטבאר איז דער שווערוואגיקער און זעטיקער קאָרן, —פון אים זאלט איר נעמען צו זייען.—

# אקאר דן.

אויסגעשטשערבעט האבן זיך די רעדער פון מיין מיל און אין קוואל מיינעם האט פארפעלט לעבעדיקע פליסיקייט; גאנץ זיינען געבליבן נאר די שווערדריקנדיקע זשארנעס פון געדאנק. וואס טו איך אין דער איינזאמקייט?

זיץ איך אן געדאנקען ביים וועג, אונטער די בלאסע שטארק-אפגעבלאקעוועטע צווייגן פון הארבסטיק-וועלקנדיקן זונען-שטרויך און איך פיל, ווי אין סאנאטאריע-כאלאט, וואס וויקלט מיך ארום, זיינען צונויפגענומען נאר צושרויפטע רעדלעך און שרייפלעך פון א מעכאניזם, וואס האט זיך אפגעשטעלט אין זיין גאנג, און ווי פון עפעס אנ'אנדער וועלט ארויס באגריס איך מיט די אויגן דאס אנקומענדיקע און באגלייט דאס אוועקגייהענדיקע.

אט קומט אן פון פעלד א וואגן פול אנגעפאקט מיט אנגעהאקטע קרויט-קעפלעך—מען בארויבט שוין די ערד פונם לעצטן—פארט ער לאנגזאם אדורך פארביי און טרייסלענדיק זיך אויף די שטיינער, לאזט ער איבער נאך זיך א שליאד פון גרינ-בלישטשענדיקע פליישיקע בלעטער מיט לאנגע ווייסע אדערן אויף זיי, און זיי דערמאנען די צובראכענע פליגל פון א פארפייניקטן פויגל. צוויי שיקסלעך אנגעטוהענע פאר-פרי אין ווינטערדיקע בעגאדים, נאר בארוויסע, יאגן זיך מיטן וועג נאך א קראליק א קאמיקער, וואס פאלט צו צו דער ערד מיט די אויסגעשפיצטע אויערן נאך יעדע פאר טריט.

—זייט געגריסט, שיקסלעך; זיי געגריסט, קראליק, און איר, אפגעריסענע קרויט-בלעטער אויפן וועג—אויך צו אייך איז מיין באגריסונג.

אבער גאר באזונדער באגריס איך דעם וועג, וואס קומט אן פון דער ווייט א פארטראכטער און גייט גלייך צוריק אוועק אין דער ווייט א פארזארגטער, מיט געדיכט אויסגעלייגטע, שווארץ-צואקערטע קנייטשן אויפן פאנעם—אלעמען האט ער געטריי געפירט דורכן זומער און הארבסט, די שווערסטע וועגענער אויף זיינע אקסלען געטראגן. דאכט זיך, ווי לאנג האט ער נאך אין פרילינג די זייער אין פעלד אריין געפירט, און אט האט ער זיי שוין דאס גאנצע גערעטעניש אין די שייערן צוריק

געבראכט, קיין איין סנאפ ניט פארפעלט, און ווידער בלייבט ער א פאר-
געסענער און—א פארזונקענער אין געדאנקען לאזט ער זיך אין פאראיינ-
זאמקייט נאך האסטיקער שפרייזן קעגן די אנקומענדיקע קעלט, נעץ און
ווינטערדיקע זאווערוכעס.

איך רייס אפ די מידיקע אויגן פונם וועג און פארמאך זיי אויילע
צום אפרוהען- און אז איך עפן זיי צוריק, שטייט פאר מיר דער וואלד,
די דעמבעס, וואס נעמען אלץ ערנסט, האבן זיך שוין אין גאנצן
אויסגעטאן נאקעט, פיקס און פארטיק צום ווינטערדיקן שלאף. נאר די
ברעזעס פלאטערן נאך אין די צוריסענע געלע און קורצע העמדער זייערע,
פון וועלכע עס שטעקן אין גאנצן ארויס די לאנגע שלאנקע בלישטשענדיקע
פיס און פון די לעכער קוקן ארויס שטיקער נאקעטע לייב. שטייען זיי אזוי
פארשעמטע און פארפלעכטן זיך צום ווינטערדיקן שלאף די לאנגע צעפ,
געזעצט און זארגלאז שטייען נאר די מאבנאסטע ווארים און אנשטענדיק
אנגטוענע פיכטעס. און אזא איינע, הער איך, ווארפט פאר דער שאכנטע
אירער, דער ברעזע:

—ביזט א לייכטזיניקע און א ראבע. זע, ווי צופודלט זיינען דיינע
האר און ווי הויל זיינען דיינע לאנגע אומגעלומפערטע פיס, דו זעסט אויס
ווי א צודולטע.

נאר די ברעזע ענטפערט:

—יאָ, ווי קען איך זיך דען גלייכן צו דיר מיט דיין עלעגאנטן
סעזאן-אנגעטועכטס? אבער מיך האט ליב דער דיכטער און ער נעמט
מיך אזוי ווי איך שטיי און גיי.

---

## דער גלאנציקער וואגן.

א רעגן, א שניי, א שניי און א רעגן — עס ראנגלט זיך דער
שפעט-הארבסט מיטן ווינטער-פרי—ווער וועמען וועט בייקומען?

איך שפיר נאך דעם פאראקשנטן געראנגל פון צימער ארויס, און
אז איך דערוואַרט זיך אויף דער גינסטיקער שאָ, כאפ איך זיך ווידער
ארויס אין וואלד, איך זוך דארט אפ א באזונדערן פלעק און איך נעם

אראפ דאס היטל פון קאפ: נאך אביסל ווארימקייט פארן מידיקן מויעך איך שטרעק אויס די הענט אינם שיין אזוי ווי אונטער א וואסער-קראַן. איך שעפ לעצטע הויפנס שטראלן און וואש מיך די הענט, דעם פאנעם און דערפריש מיט זיי די ברענענדיקע שלייפן און איך זופ זיי ווי ווייַן פון די הויפנסווי — אויסטערלישן הייל-געטראנק.

אבער אזוי וואשן קען מען זיך שוין אלץ זעלטענער, זעלטענער. דער ווינטער גרייפט אן אלץ העפטיקער, און דער הארבסט-ער צורינט, ער צורינט.

נאר אט האב איך זיך היינט ווידער דערוואַרט, זיצנדיק אויף א אָפגעהאקטן שטאם אין וואלד, אויף דער זון. איך פארשטיי, אז דאס פארט זי שוין אין גאנצן פון אונז אוועק. איך טראכט ניט לאנג, איך כאפ זיך ארויף מיט די בליקן אויפן גלאנציקן וואגן, וואס לויפט אדורך צווישן די ביימער, און פאַר אונטער אויפן ליכטיקן וועג, אט אזוי ווי עס כאפן זיך אן קינדער אן א וואגן אונטערצופארן——

---

# אין וועלדל.

ראשי נמלא טל
(שיר השירים)

פון גרויען צוקעראסטעטן הימלשן בויך מיט די צוצויגענע ווייסע פלעקן אויף אים היינגען אראפ איבער דער ערד איבערפולטע ריזיקע אייטערס, וואס מעלקן זיך פון זיך אליין און פארזיפן די ווייַטן מיט א ווארים-ווייסליכן רעגנדיקן נעבל.

מיט לאנגזאמע טריט גיי איך אום אין ברעזע-וועלדל און בא יעדן טריט וואס איך שטעל אויף די געלע אנגעוואלגערטע בלעטער-הויפנס כאזערן זיי שיקער-פארדולטע אלץ איינע און די זעלביקע טאינע זייערע: שו-שו-שו שו-שו-שו, און דער רייעך פון דער פייכטער ערד איז דער רייעך פון וואַרימען שטאל און פון געפאַרעטע מילך.

שטיל היינגען אראפ די הוילע צווייגן פון די ביימער, אויסגעוואַשענע אין דער צופארעטקייט, און אויף די שפיצן זייערע און אויף אלע בערגלעך און פופטשיקלעך און וואו נאר אַ פינטעלע, וואו מען קען זיך

נאר אנטשעפען, האבן זיך אנגעהאנגען אן א צאל טראפעלעך, טראפע-לעך, טראפעלעך און זיי לייכטן זיך מיט א ווייטליכן מאטעווען מילך-שיין.

אבער די צופיעסטעטע און פלוצלונגע ווארעמקייט פארבלענדעט ניט די אויסגעפרופטע לאנגיאריגע בוימער-צווייגן, און וואס א טאג פארבארגן זיי אלץ טיפער אין זיך זייערע אטעמס, פארהאלצערן זיי זיך אלץ מע-רער און אלץ פעסטער פארבינדן זיי אלע זייערע קניפעלעך אויף ווינטער-זיי ווייסן די קונצן.

---

## גאלד-קערנער.

ניט לאנג האב איך זיך אויסגעשטעקלט א שטעקל אין וואלד—איך האב פאשעט אראפגעשניטן א צווייגל פון א יונגן ברעזע-בוים—און אט זיץ איך אצינד אין גארטן אויף דער זון און איך שרייב מיט אים פאר-שיידענע אויסיעס אויפן זאמד, און דערפון איז מיר פריילעך: דער דאקטער האט מיר פארבאטן צו שרייבן, ער האט קאנפיסקירט מיין פאפיר מיטן שרייב-געצייג—שרייב איך אצינד, און איך לאך, און איך לאך, און פארשרייב דעם גאנצן זאמד ארום זיך—פארטיק א פאעמע!

אצינד ווער איך רוהיק, און איך לאז מיך באלד גיין גלאט אזוי מיט דער אלייע. איך רייס אראפ א מאכנאטן געל-האריקן צווייגל פון א פיכטע—אויף אים א פאר שישקעס—און גיב אים א רוק אריין מיט די געדיכטע ווייכע נאדלען אין בוזעם-קעשענע צו זיך, אבער אזוי, אז זיין מאכנאטער שפיץ זאל ניט אנדערש ארויסשטעקן און ער זאל מיך רירן און גלעטן די באק ביים גיין. גיי איך אזוי, און ווידער באפאלט מיך די שפילעוודיקע שטימונג—כא-כא—דער זעלביקער האט מיר פארבאטן שטארקערע אנרעגונגען און ער שפירט מיך נאך אין דער שטיל—נאר אט—כא-כא—ניט עמעס, צווייגעלע מיינס!

פאלט מיר פון א ברעזע-בוים א בלעטל אראפ פונקט אונטער די פיס. גיט עס מיר א קלעם אזוי פלוצלונג ביים הארצן: איז אט און אין שוין? איך הויב אויף דעם בלעטעלע און באטראכט אים אומגעפער אזוי, ווי דער דאקטער טוט עס מיט מיר אמאל—געל און אויסגעזייט מיט שווארצע זשאווער-פינטלעך. איז שוין זיכער מיין דיאגנאז: אנגעשטעקט.

—דו ביסט אויך קראנק, מיין כאוועד!

איך נעם דעם בלעטל אין די ליפן און פרעס מיט זיי זיין ווייכ־קייט. איך פארזוך אים אויך מיט דער צונג און וויל זיך איבערצייגן אין זויערליכן טאם פון ווּעלקן.

און ווי איך גיי אזוי ארויס אויפן אספאַלט, לויפן אן מיט מויל פול געלעכטער און מיט ביכלעך אין די הענט א גאנצע קופקע שיקסלעך פון קלאס. גלאט אזוי פארטשעפּע איך זיי און זיי נעמען באַלד כויזעקן פון מיַין גרויען סאנאטאריע־כאלאט, וואס זעט אויס אין זייערע אויגן ווי א ספאדניצע.

איך גיב ווייט א שפיי ארויס דעם צוקייטן פארוועלקטן בלעטל פון מויל און מיין געדאנק שרייט אים נאך:

—דאך וועט נאך קומען דער פרילינג, און דאן וועלן זיך ווידער באגעגענען בלעטל־גרין און דיכטער־זינג, אבער דאס וועט שוין זיין ניט דו און ניט איך, נאָר ווידער דו און ווידער איך. און קאלזמאַן עס וועט זיין לעבן אויף ערד, וועט נאך יערערער קענען געפינען פאר זיך אין, די זעמד פון לייד און פיין, די גאלדענע קערנער פון פרייד.

דער געלעכטער פון די שיקסלעך אין זארגלאז האט אפגעקלונגען אין צווייטן עק דארף.

---

# א בריוול.

דו בעטסט מיך שרייבן, קינד.

טויט־ווערטערדיקע דערקוויקונג לאמיר איבערלאָזן פאַר די, וואס האבן שוין ניט וואס צו פארלירן—פאר דיר זאמל איך עפעס בעסערס. אין די אויגן זאפּ איך איין דעם זילבער־גלאנץ פון די אומשולדיקע ברעזעס. די ביינקענדיקע שטראלן פון דער הארציק הארבסטיקער זון זאמל איך קארגעריש אין קעסטל פון מיין ברוסט; די פרישקייט פון די קאלטע וואסער־שפריצן, וואס דער דאקטער האט מיר צוגעשריבן אלע אין דערפרי, זאמל איך אין די מוסקעלן פון מיינע הענט און פיס, און

די זאפטיקייט פונם פעטן כאזער-פלייש דרינגט אריין אין מיין בלוט און מאכט אים הייסער און געדיכטער.

און אז איך וועל צוריק קומען צו דיר, וועל איך דיר וויי־ניק־וואס זאגן, אניסער סיידן וואס איך וועל פון לייטנס וועגן העפליך קושן דיין האנט באם באגעגעניש. אבער אין די נעכט, אין דער געמיינזאמקייט פונם הייסן געלעגער, וועלן מיינע ליפן, מיין צונג, מיינע פינגער, מיינע לענדן און אלע איבעריקע גלידער מיינע טיף־טיף איבערגיסן אין אַלע ווינקעלעך און שפעלטעלעך פון דיין קערפער מיין גרייסע־גרויסע בענקע־ניש צו דיר, און דאן וועט עס דיך זעטיקן א סאך מער, איידער די בריף פון די גרעסטע קינסטלער אין גלאנץ.

און אַז דו וועסט ליגן א זאטע, א אנמעכטיקע און אן פארלאנגען אין מיינע שטארק געווארענע ארעמס, דענסטמאָל וועסטו פארשטיין, אז אזוי ווי גארנישט זיינען די גלענצענדיקסטע ווערטער קעגן דעם מינדעסטן שטומען, אבער הייסבלוטיקן באריר.

---

# די יונגע ברעזע.

וואו איז די זון? ניטא אין דער היים. זי קען ניט צוזען די אָרגיע פון דער שפעט-הארבסטיקער ווינטן-באנדע, וואס איז אזוי אכזאריעסדיק באפאלן די ברעזעס און האט זיי אלע אנגעשטעקט מיט ווערלקונג און פוי־לונג. און אט זיינען זיי שוין לאנג טראגעדיק געווארן מיטן געלן און רויטן סיפיליטישן קסאנטאָפיל אין די בלעטער. זיי איז שוין אלצאיינס, און כוצפעדיק און העפקערדיק שטעלן זיי ארויס פארן טאג זייער פאר־גוואלטיקטע שאנד.

נאר איינע א יונגע ברעזע אונטער מיין פענסטער וויל זיך נאך אלץ ניט אונטערגעבן, און ווי נאר אוונט — פארקוועטשט זי אירע בלעטלעך, ווערט איינגעשרומפן, און זי לאזט זיך ניט, זי לאזט זיך ניט, און אלץ בלייבט זי נאָך בא איר גרינער אומשולדיקייט.

פייפן די ווינטן פון אלע זייטן:

—פו־הו־הו, דער פארהאסטער גרינער לולעף! זי פּראוועט נאך אירע צניעס.

זי ווארט מיט שוידער אויף דער שרעקליכער נאכט.

---

# בארוויסע פיס.

גייט ארויס א יונגע פויערטע א בארוויסע אין קאלטן-קאלטן הארבסט-פרימארגן אויף דער מיט פרעסטל-הויך באצויגענער פאר-דער-טיר-ערד, און אין האנט—אנ׳עמער וואסער.

—וואס מאכסטו, מאטריאנע?

—אָ, איך האב שוין אלע פרימארגן-ארבעט אפגעטאן: די קי אויס-געמאלקן, זיי עסן געגעבן, האלץ אנגעהאקט, וואסער אנגעטראגן, אפילע פאר זיך שוין עסן געמאכט—לאכט זי מיט א מויל ווייסע ציינער—און אט בין איך שוין פריי. קום ארײַן אויף א קארטאפל אין פעלץ.

און קאלזמאן זי רעדט אזוי, גיט זי א קאטשע ארויף די ספאדניצע ביז העכער די קני, גיט א שטעל ארײַן איין פוס אין עמער וואסער און גיט עס א וואש א וואש און צוריק א נעם ארויס, דאן דעם אנדערן א וואש א וואש און אויך א נעם ארויס. דערנאך גיט זי א קוק אויף די פיס, און גיט נאך אמאל א הויב די קלייד נאך העכער, זי גיט א פלינקן קוק אויף דארט, וואו זי האט ניט געוואשן, און קענטיק זי בלײַבט צו-פרידן, גיט זי א כאפ דעם עמער און גיט אים א גאס מיט צובליצונג אין די בלאסקע זונען-שטראלן ארײַן און גייט לאנגזאם צוריק אין שטיבל מיט די בלישטשענדיקע פיס.

ערשט שפעטער האב איך זיך דערמאנט, אז זי האט די פיס ניט ארומגעווישט און דערפאר האבן זיי געבליצט אזוי פרעסטלדיק.

---

# נאר א בריוול.

וואס איך טו אין דער איינזאמקייט? דערויף האב איך א גאנץ לאנגע פראגראם, אפילע ניט קיין געצייכנטע פון פאראויס-דאך פירט זי

מיך אין ריכטיקן וועג. — אז איך גיי צום ערשטן מאל ארויס אין די בוימער, קומט מיר שוין אנטקעגן אַ יעלאָווע שישקע אויף ערד, זעץ איך זיך מיט איר וואו עס מאכט זיך, אַבי אויף דער זון, און לאנגזאם און באַרזיכטיק צונעם איך זי אויף איינציקע שופּן, וואס איך דארף זיי נאך דערנאך אויסציילן: שופּן איז א סאך, געדויערט עס גאנץ לאנג. אויסער דעם בין איך, ווי דו ווייסט, א קנאפּער באַלכעשבן, האב איך ניט איינמאל אַ טאָעס, מוז איך אָנהויבן עטליכע מאל איבער-א-נייעס, און דאס נעמט ווידער אפּ צייט.

דערנאך שטיי איך אביסל בא די קרויט-העקער און איך באַטראַכט, ווי ווייט זיי זיינען שוין אריינגעפארן אין דער ארבעט און וויפל זיי איז נאך איבערגעבליבן צו האקן — אָ אַ סאך! אבער איך פארהאלט זיך בא זיי ניט לאנג, און אט גיי איך שוין צום מאהילניק א קוק טאן, צו איז ניט צוגעקומען קיין נייער קייווער פארן טאג.

דאן מוז איך אַריבערגיין אין וועלדל. עס שטייען נאָך גאנץ וואַרימע הארבסט-טעג און די בוימער האבן נאך אזוי פיל דורכצומאכן, איידער זיי וועלן גרייט זיין אויפצונעמען דעם ווינטער. הער איך זיך צו צו זייער געמיטליכן שמועס מעקויעך די נויטיגע פארבארייטונגען. אבער נאך אויפן וועג פארהאלטן מיך אַ סאך קלייניקייטן, ווי לעמאשל אַ יונגע הייעריקע ציגעלע, וואָס פּיטערט זיך אויפן בייט און ציט צו מיין אויפמערקזאמקייט גלאט אזוי, און איבעריקע סיבעס; א גרינער בלאט קרויט, וואס וואלגערט זיך אין קויט אויף דער ערד און מען מוז אים אפריניקן פון דער בלאטע און אריבערוואַרפן אויפן גארטן. און וואו איז אצינד דאס טייכל, וואס איך מוז אוועקלאזן אויף אים כאטש איינע-צוויי „שיפן" א טאג און באַגלייטן זיי אביסל, זיי זאלן זיך פלוצלונג ניט צושטעלן צום ברעג און ניט בלייבן דארט שטעקן. און די גלעקלעך, וואס רופן יעדן מאל צום עסן און וואס איך פארשפעטיק אזוי אפט, שטערן מיר נאר אין מיין געוויינטליכן אומגאנג און רייסן מיך אפּ יעדן מאל פון א מיטן ארבעט. און עס קומט שוין אזוי אויס, אז איך האב גאר קיין צייט ניט אומצוקוקן זיך, ווי מען לעשט שוין אויס די פייערן אין די פענסטער

און אט גייט מען שוין שלאפן. ווי דו זעסט, פעלט מיר נאך אויס צייט און איך האב אפילע ניט ווען אַ טראכט צו טאן פאר זיך. עלע וואס איך בין פארזארגט מיט שלאפלאזיקייט — טראכט איך דורך נאכט.

---

# א לעוואנע-נאכט.

אויבן שניידט זי די וואָלקן מיט איר שארפן קריסטאלענעם ראַנד און אונטן אויף דער ערד ציט זי געשווינד פאר די עקן די שאטנס-וואואלן פון בייט צו בייט, פון בייט צו בייט — די פולבלאנקענדיקע לעוואנע מיט די לאנגע שטראלנדיקע פינגער. טשעפען זיך די שאטנס פאר די בוי-מער, רייסן זיך, און לויפן אלץ ווייטער, ווייטער מיט אַ קאפדרייהענ-דיקער געשווינטקייט. די ווייסע לייבער פון די ברעזע-שטאמען מיט די הארבסטיק-שיטערע לאקנקעפ בלינצלען פארגליווערטע מיט אַ כאָמנאַמ-בולע- גלאנץ און שניידן די אויגן מיט מעשונע-מאדנע זעהונגען פון עפעס אַ שווינדלדיקער פאנטאסטיק-וועלט.

אנגעגאסן מיט דער שטייפער לופט פון דער קאָלטליכער הארבסט-נאכט — שטיי איך אונטער די ברעזעס ביים טײַכל, וואס פלושקעט זיך דאָ ערגעץ נאהענט איבער שטיינער, און איך מוז אנשטרייוגען מיין געדאנק, קעדיי צו דערקענען פון דער ווײַטן די ווענט פון אונזער כאַ-נאַטאָריע, וואָס האבן זיך פלוצלונג צובלינצלט מיט אזא אונהײַמליכער טאכריכים-ווייסקייט.

ווי אנ׳איבעריקער קוקט פון רעכטס עפעס א פײַערל אין אַ פענסטער — ווער דאַרף אים דא און מיט וועמען גייט ער זיך עס פאַרוועטן? פון לינקס דערטראגט זיך אַ פילקוילעסדיק בילן, וואס גייט אפט איבער אין אַ אומהיימליכן וואיען.

גיט מיך עפעס אַ צי פארויס און איך גיי ארויס פון-שאטן אויף אַ באלייכט שטיקל ערד, קיילעכיק ווי אַ מאַטבייע. באלד דערפיל איך מיך אָבער שיקערלעך פונם שיין, ווי פון צופיל טאנצן אמאל, און מיט האלב-פארמאכטע אויגן מוז איך מיך אנשפאַרן אָנם שטאם פון ערשטן בעסטן בוים, וואס קומט מיר אנטקעגן. און אז איך עפן די אויגן צוריק—זע

איך פון דער ווייטן, פונם ווערלדל גייט אַרויס א הויכער שווארצער פלעק און שפּיליענדיק און וויקלענדיק זיך אין אויבערבעגעד, לאזט ער זיך גיין מיט לאנגזאמע טריט אויף דער סטעזשקע, וואס פירט צו דער סאנאַטאָריע, און באלד נאך אים הויבט זיך אויף פון אונטער אַ בוים נאָך אַ פלעק' אַ נידעריקער און אַ קאָלירטער, פראוועט זיך ארום פון אַלע זייטן די קלייד, מאכט א פּאָר טריט אין לעוואנע-פאס אריין, שטעלט פאנאנדער די פיס און קוקנדיק ערגעץ אין דער ווייט אריין, טוט עס אפּ אַ וויכטיקע ארבעט און אזוי ווי פארבייגייהענדיק, גיט עס שנעל אַפּיר מיטן האַנט איבערן קלייד אין דער טיף צווישן די קניהען, און לאזט זיך לאנגזאם אין דער צווייטער זייט אוועק—אויפן וועג צום דארף.

די שנעלשווינדגדיקע שאָטנס-וואואלן רייסן זיך און רייסן.

---

# געלע בלעטער.

עס איז נאָך האלבן טאג. אין צאפנזייס פון האָריזאנט האט זיך אויסגעלייגט, ווין אַ הונט אויף אַ קייט, אַ קאלט-בלויער בייזוויליקער וואלקן און כמורעט זיך מיט שנייי. אבער פון דארעם קוקט נאך אראפּ די קריינקליכע זון אומעטיק-ווארים. זי בלאנדזשעט אום מיט די בלאַסע דורכזיכטיקע פינגער איבער די שטארק-אפּגעהוילטע בוימער-קעפּ, קוקט זיך אין די לוזשעס, וואס זיינען איבערגעבליבן פון אינדערפריהעדיקן רעגן און באגלאנצט מיט מידיקייט דעם פייכטן אספאַלט.

פארפרי אנגעטאן אין ווינטערדיקע בעגאָדים, פיטערט אנ'אַלטע פויער-טע ביים פּארקאַן פון סאנאַטאָריע אַ גרויסע גרויע ציג מיט צוויי קליינע קלאר ווייסע ציגעלעך — הייעריקע. נאך אַ ציג, אויך אנ'אַלטע און אין ציגענעם לעבן-שטייגער, אַ שטארק-דערפארענע שטייט אויף די הינטערסטע פיס עסוואס פּאָאָדאַל און אויסגעצויגן אין דער הויך אזוי ווי אַ סטרונע, עסט זי אראָפּ די נאָך גרין-איבערגעבליבענע בלעטלעך פון אַ שטרויך. זי זעט אויס פונקט ווי אַ שטייהענדיקער נאקיטער מענש. און סאמע ביים טראקט, פאַזע אספאלט, האט דער טויבער איוואַן אַוועקגעשטעלט זיין טיפּע גערויימיקע קאָרב מיטן אומגעלומפּערט-גרויסן אויער באַ דער זייט, אין

מיטן גרויסן בלישטשענדיקן טראפּן, וואס הייגט אים אראָפּ אזוי ווי אַ צוּ-געקלעפּטער פון דער סאמע שפּיץ נאז, קערט ער צונויף מיט אַ גראבליע די הויפנס געלע בלעטער פון וועג און נעמט זיי צונויף אין קארב אריין, קעדיי ארויסצעוואַרפן זיי דערנאָך אויפן פעלד אנשטאָט מיסט.

אז איך גיי אדורך, רייסט ער איבער זיין ארבעט, שפּארט זיך אן אויף דער גראבליע און שטעלט זיך אן אויף מיר מיט זיינע טאמעוואטע נים פינטלענדיקע אויגן.

מיין רעכטע האנט גיט זיך ניט ווילנדיק אַ פעסטן צו-אויס, די מוסקעלן אויף איר ווערן אנגעשטריינגט און הארט, און באלד גיבן זיי זיך אַ האסטיקן צו-צונויף אין איילנבויגן: יא-יא, פאָרהאַן נאך אביסל זאפּט אין די ביינער!

— טו רוהיג דיין ארבעט, איוואן, ניטא דא וואס צו פארקוקן זיך אויף יעדען פארבייגייער!

---

## די ערד די פליג.

פארהאַן אַ שאָ אין טאג — ביים זון-פארגאנג — ווען די זון לאזט זיך קוקן אין די אויגן אריין, און דאן קען מען זעהען, ווי עס ציען זיך פון איר צו דער ערד אין אלע זייטן דינע-דינע, לאנגע-לאנגע פעדימלעך שפינוועבס, און זי אליין זעט אויס, ווי אַ היינגענדיקער רויטער שפּין אינם רוים, וואס טרינקט די בלוט פון דער ערד, זויגט אויס איין דאר און האדעוועט זיך שוין אַ צווייטן.

די נאַטורוויכנשאַפט ווייסט צו דערציילן פון אַ מין מוראשקעס איינעם, וואס האדעוועט ביי זיך אין די מוראשניקעס אייגענע קי צום מעלקן— דער זונענשפין האדעוועט דאס לעבן אויף דער ערד, קעדיי צו שפייזן זיך פון אים.

פארגייט די זון אלע טאג און זי לאזט זיך אפּרוען די אויסגע-מאטערטע ערד, קעדיי אויפצוגיין אויף מארגן און ווידער צו וויגן.

און אָט שטייט זי אצינד נידעריק-נידעריק, סאמע אויפן ראנד פון דער ערד, אַ רויטע פונם אויסגעטרונקענעם בלוט, און איצט איז דער גינסטיקער

מאמענט: איך ווארף מיין שפיז אין דיין בלוטפולן בויך, זון, און באפריי די ערד פונם מארגנדיקן אויפשטיין.

---

# ברעזע-וועלדער.

וואלד אויס, וואלד אײַן—מיר גייען, איך און גילדין, מיר גייען אַ שאָ, מיר גייען צוויי—וואלד אויס, וואלד איין, און דורכאויס ברעזעס.

מיט די הויל-נאקיטע לייבער אין די דורכזיכטיק-געלבע זיידענע העמדער, וואס גרייכן ניט אפילע ביז צו די קני, שטייען זיי אזוי אויס-געוואקסענע אין דער לויטערער הארבסט-זון, וואס בלאנדזשעט ארום איבער זיי מיט אירע לאנגע בלאסע שטראלן-פינגער פון די קני און נידעריקער, פון די קני און העכער, ביז ארויף—אונטער די דורכזיכטיק-געלבע זיי-דענע העמדער.

די גוטע צייט פון די זומער-הוליאנקעס מיט די זומער-געזאנגען איז אריבער. קלארע פרישע טויען אין דער פרי, שוועמלעך און יאגדעס בייטאג און פויגל-כאר אין די אוונטן—נאר א געדעכעניש פון דעם אלעם געבליבן, און די פויגל-געסט זיינען זיך אויך לאַנג צופלויגן—ווער וואוהין. דערפאר איז היימיש-שטיל אין די פוסטליכע זאלן, און די אראפגעפאלענע בלעטער אויף דער ערד פירן נאר אַ געמיטליכן שמועס מיט די שפרייזנ-דיקע פיס.

באַרג ארויף, בארג אראפ — די ברעזעס גייען אונז גאסטפריינד-ליך פאַרויס ארויף און געלאסן באגלייטן זיי אונז אראפ — אויף ווערסטן, אויף ווערסטן, און גרינג איז אונז דער גאנג אין דער היימישער בליצלייבי-קער קאמפאניע. אט איז אַ טייכל. וויקלענדיק זיך אין די שטארק-אפגעניצטע ברעגן, קען עס נאך אלץ ניט פאַרגעסן די גוטע זומער-צייטן, ווען עס איז געווען אַ לעבן דורך טאג און דורך נאכט, און עס האט ניט געשלאפן (מאמעש ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג) דורכן גאנצן זומער און קעסיידער אונטערגעהאלטן אַ לוסטיקן פלוידערן — מיט ווען ניט? און אַצינד דערציילט עס און דערציילט. דאס בריקל, וואס באשטייט פון צוויי אריבערגעווארפענע ברעטלעך, גיט אים האלב ערנסט האלב אין שפאס

אַ פאַרמאַך צו דאָס מויל: גענוג שוין, אָבער דאָ גיט עס זיך פּלוצלונג אַ ריס אַוועק אין אַ זייט און צושרייט זיך נאָך העכער: דורך טאָג און דורך נאַכט, געפּלוידערט — געלאַכט, דורך טאָג און דורך נאַכט, פון נאַכעס פאַרשמאַכט, דורך טאָג און דורך נאַכט — — אַ לייכטזיניק אומרוהיק טייכעלע.

מיר גייען אַריבער איבער די דינע זיך שאַקלענדיקע ברעטלעך און שפּאַנען שנעל באַרג אַרויף און אין די אויערן ריולט נאָך אַלץ די הילכיקע מאַיסעלע.

אָבער די ברעזעס ביים טייכל, וואָס זעהען מיט זייערע שפּיצן ווייט אַרום, האָבן שוין איבערגעגעבן אויפן באַרגל וועגן אונזער אָנקומען און אַז מיר שפּאַנען אַרויף, באַגעגנט אונז שוין אַ נייער וואַלד, אַ נייער געראַמיקער קאָלאָנע-זאַל. עס ווערט אונז קלאָר: מען מוז זיך אונטערגעבן. מירן זיך היינט דורך דעם ברעזע-לאַבירינט ניט אַדורכרייסן.

און דאָ גיט זיך נאָך אַ רוק-אָן דער האַרבסט-אַוונט. די זון האָט איר יונגנט-קראַפט דורכן זומער אַביסל אָן כעשבן פאַרשווענדט, ווערט זי אַצינד גיכער מיד פון צערטלען און גלעטן, און אַט נעמען זיך איר ביסלעכווייז אַראָפּלאָזן די ברעמען. דערמיט נוצט זיך אויס דער שטייפער שטיפערישער האַרבסט-ווינט, גיט ער פּלוצלונג אַ פלי אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, ער גיט זיך אַ לאָז צו די ברעזעס און הויבט זיי אָן שושקען קימאַט אויפן קאָל אין די אויערן אַריין: גענוג איך די שטילע, די רוהיקע, די ראָמאַנטישע זון. איך וועל אייך ניט צערטלען, ניט גלעטן, נאָר ליידנשאַפטליך אַרומכאַפּן און אין די אָרעמס דריקן. און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, כאַפּט ער זיי פאַר די העמדער — ליידנשאַפט איז ליידנשאַפט — רייסט זיי אויף צוויטן און פליקט אויף פּיצפּיצלעך.

— אוהו! — צושרייען מיר זיך פּלוצלונג גלאַט אַזוי, די צווייַ גייער אין וואַלד.

— אוהו! ענטפערט אונז פון יענעם זייט טייכל דאָס קלינגענדיקע עכאָ פון הונדערטער ווינקעלעך.

— אוהו — גיט אַ פייף אויך דער ווינט אין די שפּיצן פון די ביימער: פרייהייט איז פרייהייט!

— יא, פריהייט איז פריהייט! — זיינען מאסקים די גייער, שפאנענדיק אין די פרייע, באפרייטע אנסאפיקע מאסקעווער וועלדער, און כאטש מיר זיינען דא ביידע צום ערשטן מאל אויף אונזער לעבן געווען, האבן מיר זיך דא עפשער דאס ערשטע מאל אין לעבן געפילט אין דער היים.

די ברעזעס האבן געהאט אַ סאך צו דערווידערן קעגן ווינט, זיי האבן אויך עפעס ריידן געפרופט, אבער אלץ שטורעמדיקער און איבערצייגנדיקער האט זיי דער ווינט אין זיינע ארעמס געדריקט, אלץ שנעלער האט ער פון זיי דאס אנגעטועכטס אראפגעצויגן, און אלץ נאקיטער און הוילער האבן זיי אין זיינע ווינטיקע ארעמס געפלאטערט, — און מיר, די צוויי גייער, זיינען די אומגעריכטע איידעס מיצאד די ברעזעס געווען, ווייל מיר זיינען נאך אלץ געגאנגען — וואלד אויס, וואלד איין — בארג ארויף, בארג אראפ — איך און גילדין.

דורך אַ ליכטיקן שפאלט אין די בוימער האט ביגנייווע גענומען ארײנקוקן די קאלטע און נייגעריקע לבֿוואנע.

---

# דרײַאײנ̈יקײט.

אין פרילינג פון מיין לעבן ביזטו מיין געליבטע געווען, ערד.

צווישן דיינע בריסט אין די טאלן בא דיר האב איך די בלומען פון מיין יוגנט געקליבן און אין דיינע וואסערן האב איך געקילט מיינע צוהיצטע שלייפן. בא דיר אויף די גרינפארוואקסענע קניען אין לאנקע פלעג איך לייגן מיין קאפ און די פלעגסט מיינע ארעמס אנגיסן אזוי ווי די בעכערס מיט קראפט. אויפן באוועלדערטן בויך בא דיר האב איך דורך די זומערן רויטע יאגדעס געקליבן און מיינע פינגער זיינען אלע מאל קלעפיק געווען פון זאפט.

איז אריבער די צייט פון קאלעשאפט, האסטו זיך מיט מיר אלס אַ געטרייע פארקנאסט. האסטו מיר געטראגן דיינע שווערע אנטקעגן, פיינע אויסגעצייטיקטע עפל, דיינע מאלינעס-שטרויכן און אנדערע פרוכטן פון פעלד און וואלד, און ווי אַ זארגנדיקע ווייב האסטו מיר אויסגעבעט

א געלעגער פון ווייכן מאך און שמעקעדיקן גראז. און די נעכט פלעג איך אין דיינע ווארימע ארימס פארברייננגען. דו האסט געהייסן דיינע זינגער די פויגל מיר צום שלאף פארזינגען און אין דערפרי פון שלאף אויפזינגען, און דיין פאכמער די זון פלעגסטו שיקן מיט מיר אין שטראלן-צייכן צו שפילן, און זי איז מיין ליכטיקע כאווערטע געווען.

אצינד איז הארבסט און דו ביזט אליין אין פארלעגנהייט. דיין ברויט האט מען בא דיר אוועקגערויבט, דיינע פיירעס אראפגעטרייסלט און אליין ביזטו הויל און נאקעט, און דא קום איך צו דיר א מידער און א קראנקער. ווי טוי זיינען פון די ליפן פארשוואונדן די קלינגענדיקע ווערטער לידער, וואס פלעגן אזוי ווי פון א איבערפולטן ברונען ארויסקוועלן פונם הארצן פאר דיר, און איך שווייג. נאר מיט שווייגנדיק- אויסגעשטרעקטע הענט קום איך ווידער צו דיר, ווי א פארוואגלטער זון צו אנארימער, אויסגעפייניקטער מוטער. דו זעסט, איך שעם מיך ניט פאר דיר. איך ווייס, אז דו וועסט מיך צוריק אויפנעמען אין דיינע ארעמס נאך מיט מער ליבשאפט, מיט מער געטריישאפט און אצינד - יא - וועסטו מיר א מוטער זיין —איך ווייס, אז קומענדיק אצינד צו דיר, בין איך צוריק אין דערהיים, מער וועל איך שוין ערגעץ ניט פארגיין און בא דיר אויפן אויסגעמאגערטן שויס וועסטו מיר מיט דיינע צערטליך- ציטערנדיקע פינ- גער דעם זיסן שלאפטרונק איינגעבן און אונטער דיין מוטערליכער אויפ- זיכט, וועל איך דא רוען, רוען — — —

---

## דער ערשטער שניי.

לויטער און בלאנקענדיק. דער שניי האט צוגעדעקט די נאקעטקייט פון די בוימער (מען קען ניט ארומגיין אזוי אפגעריסן און הויל) מיט די ווייסע ווינטערדיקע שטאפן. די בלויע רויכלעך פון די קוימענס אין דערפל ציען זיך צום הימל מיטן גראדן קירצסטן וועג און טראגן דעם אנזאג: שוין געקומען.

איך גיי פאזע די הייזלעך, און צו די שטיוול מיינע קלעפט זיך דער נייגעריקער שניי און כאפט מיך פעסט ארום: טראג אונטער אביסל. איך

טוייסל אים ניט אראָפּ; ער ווייס נאָך ניט, דער נאַאיווער, אַז טריט זיי-
נען פאַר אים שעדליך און אַז ער וועט אין גיכן איפּהייבן אַ סקריפּנ-
דיקע אומצופרידנקייט קעגן טריט — —

פון עק דאָרף דערטראָגט זיך אַ הילכיקער ביכן פון הינט. דערציילן
די אַלטע ספּאָרים, אז אלע באַשעפענישן זינגען שירע, יעדער-ווי ער
קען. זינגען צוזאַמען מיט מיר אויך די הינט זייער ליד לעקאָוועד דעם
ערשטן שניי.

זיינען מיינע טריט לאַנגזאַם און רוהיק. איך האָב זיך ניט וואו
צו איילן: אַלץ קומט אליין מיר אַנטקעגן. דער זומער ווי דער ווינטער
און די יאָרן, ווייס איך, טראָגן מיר מיין סאָף.

פון אַ פענסטער דערטראָגט זיך אַ רווישיקער געלעכטער פון אַסאַך שטי-
מען, אַ קלאַפּן פון א סאך מעסערס. איך גיי צו נענטער און היימיש קוק
איך אריין אין פענסטער: יאָ, עס האט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער-סע-
זאָן — מען שעטקעוועט קרויט.

---

# א וורובעל-טאג.

איבערן קאפּ איז דער הימל-געוועלב אויסגעפּלסאטערט מיט עקן
פון פאוועס און ביים האריזאנט איז ער פּערלמוטערדיק אינקרוסטירט און
באפּרענזלט מיט וואלקנדלעך, העלע ווי שוים און לייכטע, ווי שפּינוועבס.
אן דער שנעל-שווינדנדיקער היציקייט, וואס איז אייגן דער יוגנט, שיינט
די זון מיט א מאַטקייט און פעסטקייט, וואס זאגט איידעס אויף די פולפאר-
ביקייט און זיכערקייט פון די מיטעלע יארן. דער שניי, דער וואלד, דער
וועג — ניטא היינט אין זיי דער בלענדנדיקער, אבער עפּעמערישער בליץ,
וואס ווי נאר עס גיט א ווייהע דאס מינדעסטע ווינטל, ווערט באַלד פאר-
שוואונדן דער צויבער. אלץ איז היינט געהאמערט פון ווייסן פעלז און
בלויליך-געקאוועטן בראנז, באפוצט מיט מאטעווען זילבער און פאר-
ביקע שטיינקערנער, וואס אַלע אינאיינעם בילדן זיי אַ איינהייטליכן
הארמאנישן געזאנג פון די פארשיידנסטע מעטאל-אויסגיסונגען. און דער
טאג אליין — א שטיינפעסטער הערקולעס מיט א דורכדרינגנדיקן בליק

גייס לאנגזאם איבער פעלד און וואלד, צושטעלט בא די שיידוועגן גרוי-
סע שווערע באָקאַלן פון רויטן גאלד און צוהיינגט אויף די בוימער און
שטרויכן מאט-בלישטשענדיקע ליכט. די באקאלן ווערן באלד פול מיט
שטארקסטן וויין, די ליכט צינדן זיך אן מיט א זילבערנעם פייער. און אז
דער טאג ווארפט נאָך א בליק אויפן פעלד, הויבן אן שווימען אויפן שניי, אזוי
ווי אין די קריסטאל-רייַנע באסיינען, סטאדעס זילבערנע פישלעך. ווערן
די צוגרייטונגען צום יאמטעף האלב פארטיק, צושיקט ער די ווינטלעך, וואס
הניכן אדורך דא--דארטן צווישן די שטרויכן, אין אלע פיר זייטן מיט
איינלאדונגען צו די האזן, די פוקסן און וועלף—ער פארגעסט ניט אויך
די פויגל אין דער לופט, און באלד־באלד (קורץ איז דער ווינטערדיקער
טאג), אין דער קלינגענדיקער קאלטער לויטערקייט פון אוונט וועלן זיך
אלע צונויפפליהען אין זייערע צויבער־שליטנס פון די ראזליכע און גרינ-
ליכע שיינונגען, און דאן וועט ער צובלאזן אויפן האריזאנט דעם קאמין
פון רויטן גאלד, און די גליהענדיקע קוילן וועלן זיך צופלאקערן היימיש
און הייס.

אבער דערווייַל — — ווי טיף איז געווען, ווערובעל, דיין בליק און
ווי טראגיש איז געווען דיין סאף: מיט דיינע אויגן האב איך היינט דעם
טאג דערזען.

ערגעץ אין עק וועלט, אין א קריסטאלענעם הייַל אונטער אנ׳איי-
זערנעם בארג, האט פון אייביק אן געוואוינט די אייביק־יונגע נעשאמע פון
דער ערד, פארקערפערט אין דער שענסטער פרוי, ווי די מענשליכע פא-
טאזיע האט זיך נאך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלן.

און די מענשן האבן געוואוסט, אז דער וועג צו איר איז פאר
אַלעמען אפן, אז יעדן באגעגנט זי מיט א שמייכל אויף די ליפן און מיט
אפענע ארעמס. מען האט אבער אויך געוואוסט, אז ווער עס באזיצט די
נעשאמע פון דער ערד כאטש איינמאל, הויכט ער שוין דארט ארויס זיין
אטעם אין דער פירכטערליכער זיסקייט פון איבערמענשליכן גליק און
קיין צוריקקער איז פאר אים ניטא. ווילן דורכשניט-מענשן ניט צאלן צו
טייער פאר גליק. גייען אהין פון צייט צו צייט נאר דיכטער און דיינ-
קער. אעבר אזוי ווי קיינער קערט זיך שוין פון דארטן ניט אום, ווייסט

קײנער קײן זאך ניט צו דערצײלן פון דעם קישוף-הײל. איז אבער אויך באוואוסט, אז דער, וואס וואלט זיך קענען אנמזאגן, דערזעהענדיק דעם וואונדער, פון גליק צו טײלן דעם צויבערליכן געלעגער, יענער קען קו-מען צוריק צו די מענשן און ברײנגען א גערוס פון די פארבארגענישן, יענער וועט שוין אבער מער קײן רו אויף דער ערד ניט געפינען. — דער אנגעשטרײנגטער געדאנק זײנער וועט אײביק זוכן די מיטלען, ווי אזוי פארצושטעלן דעם וואונדער פאר די מענשן, און אזוי ווי דאס איז פאר קײן פאל ניט דערגרײכבאר, וועט שוין אזא אײנער די אנגעשטרײנגטקײט ניט אויסהאלטן, און די לעצטע און קורצע טעג זײנע וועלן זײן —בלינד-קײט און וואנזין. האט זיך אבער אזא אײנער ניט געפונען. ביז עס איז געקומען דער, וועלכער הײסט דו, און דאס ביזטו געװען, וואס האט דעם קאסטבארן, פירכטערליך-זיסן סאד צו די מענשן געבראכט, און באלד דערויף האסטו דעם פרײז מיט דײן בײן און פלײש געצאָלט—

די עמפרס פון דער מענשהײט אין די פארהוילענע אפגרונטן צו נידערן — דעם וואסער פון לעבן פון דארט ארויפצוברײנגען—און אלײן אינם אויפברײנגען צובראכענע צו בלײבן — געסימענטע זענט איר.

---

## בײם ברונען.

אײן האלבער הימל איז אויסגעפלאסטערט מיט רויטן אוונט-גאלד, דער צווײטער מיט טונקעלן ברושטין — די זון איז שוין לאנג ניטא, נאר אין פארגעסנקײט האט זי דא איבערגעלאזט דעם טאג, און עס איז נאך גאר-גאר ליכטיק. ווײסן אבער די דארף-לײט, אז דאס איז נאר דער בלישטשענדיקער שנײ און דער פלאמענדיקער הימל, וואָס האַלטן נאך אונ-טער דעם אָפּגעשטארבענעם טאג, באַלד וועט ער אָבער געבן אַ פאַל צוועק מיט אַמאל אַ-דאָרט, וואו ער שטײט, און דעריבער אײלט מען זיך פון אלע עקן מיט קײלים צום אײנציקן ברונען, וואָס הויבט זיך בײם וועג סאַמע אין מיטן דאָרף — וואַסער אָנצוגרײטן — פאַר דער יוגנט אַנ׳ארבעט.

דער ברונען אַלײן איז אַרומגעפראָרן פון אַלע זײטן ווי אַ בער. קלײנגוואַרג האָט אים נאך אָנהויב ווינטער אַרומגעגאָסן מיט וואַסער —

אַזאַ באַקוועם ערטל — און זיך דאָרטן אַ גליטש=בערגל געמאַכט. איז דער צוטריט צום ברונען — אַיינז און גליטש. גליטשט מען און מען פּאַלט. כאַפּט מען זיך איינס אָנם אַנדערן און מען פּאַלט ווידער. ווייסט מען ניט, צו דאָס פּאַלט מען טאַקע בעעמעס, צו דאָס איז נאָר פון עמיצן אַ קונ-דייסעריי אַזאַ — איז עס נאָר כאַ=כאַ=כאַ און כאָ=כאָ=כאָ.

— אַ וואָגן היי!

— אַ וואָגן היי!

— קוועטשט אָן!

— קוועטשט אָן!

עס דערמאָנט זיך, נישקאַשע, דער פריייער זומער אין פעלד, די לייכטע קליידער, בייגאַכט אויף היי אין אַ שייער.

— גוט — ליידן זיך אָפּ איינע מיט די אַנדערע די דאָרף-קינדער

— ביים ברונען וועל איך דיר געבן, וועל איך זאָגן. ביים ברונען.

אַ מין קלוב איז באַ זיי דער "ביים ברונען„, אַ מין זעאונגס-אָרט. כעוורע קליגט זיך אָבער אין דער זעלבער צייט אויך די אַרבעט אָפּצוטאָן, און דער קאַלוואַראַט גייט דערווייל אַרויף און אַראָפּ, און יעדע, ווײלע קומט אַרויף אַ נייער עמער.

איז אָבער דער פראָסט גאָר ברענענדיק און כעוורע יאָגט:

— גיכער שנעלער!

לאָזן זיך שוין גיין אין ברונען אַראָפּ אויך באַזונדערע עמערס, צוגעבונדענע אויף שטריק, און די אַרבעט גייט אַוועק אין צווייען. און פּלוצלונג ווידער: כאַ=כאַ=כאַ-כאַ=כאַ — הוראַ! אַנ׳עמער איינגעלאָזן.

די זיבעצניאָריקע מארוסיע האָט פּלוצלונג ביים ברונען יאַנקאָן דערזעהן, ווי ער לאָזט פון איר זיינע אויגן ניט אַראָפּ, ווייסט זי אַליין ניט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען: עפּעס האָט איר מיט אַמאָל אין הערצן געגעבן אַ צופּ און שוואַך זיינען איר געוואָרן די הענט.

— פאַרפאַלן וועט מען דאָ ווערן צוליב זיי!

— דעם עמער נעמט אַרויס, גיכער!

— לאָזט נאָר, גיט אַהער! — איז יאַנקאָ האַרט צום ברונען צוגעטראָטן. מארוסיע האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט. דאָס האַרץ האָט איר פּלוצלונג

אזש טאנצן געגומען און זי האט דערפילט אַ היץ אין אלע גלידער, כאָטש זי איז געווען אנגעטאן גאר לייכט.

— זעט גאר, די מישוגענע, זי שפיליעט זיך גאר פאנאנדער — האט אויסגעשריען די קליינע נינקע, וואס האט שוין איר פארציע וואסער געוועסט אפגעטראגן אהיים און זי האט זיך דאָס צוריק ארויסגעכאפט נאר קעדיי ניט אפצושטיין פון דער קאמפאניע.

— וואלסט בעסער שוויגן, נינקע — האט מארוסיע שטריינג אַ קוק געטאן אין איר זייט.

יאנקאָ האט דערווייל דעם עמער ארויסגעצויגן.

— איך וויל דיך בעטן, מארוסיע — האט זיך יאנעק אפגערופן, ניט ארויסלאזנדיק דעם עמער פון האנט — אנטליי מיר דער עמער. אנצוטראגן וואסער, אונזערער איז פארנומען. איך וועל נאר אַ פאר עמער אריינכאַפן, וועל איך דיר שוין אפטראגן דעם עמער אהיים — מיט וואסער.

— אַ קלוגער! — האט אַ מרוק געטאן דער לאנגפיסיקער, אבער אומבאהאלפענער איגנאט, וואס האט שוין לאנג פיינט יאַנקאָן פאר זיינע איינפאלן בענויגייע צו מארוסיען.

מארוסיע איז לאנגזאם אהיים געגאַנגען מיט ליידיקע הענט, נאר מיט אַ פולן הארצן, און די באקן אירע האבן געברענט פונקט — ווי דער הימל.

---

## ניט אויסגעניצטע מעגליכקייטן.

וואס קען ניט אפטאָן אזא שטיפעריש-מונטער-בליצנדיקער טאג ווי היינטיקער?

אַז ער וויל, גיט ער אזוי לייכט אַ שטרעק אויס זיין האַנט אין דער הויך און גיט אזוי פּאַוואָלינקע אַ צי פאר א ברעג דעם בלויען וואלקן וואס ליגט דערווייל רוהיק אין עק הימל, און פארציט מיט אים די זון. דערצו גיט ער נאָך א בלאָז מיט זיין פריש-פראָסטיקליכן אָטעם און צוזאַמען מיט דער זון אין הימל ווערן אויסגעלאָשן אלע בריליאַנטן אין פעלד-און פון די בוימער ציען זיך אוועק לייכגליכע שאָטנס. וויל ער, גיט ער פלוצלונג נאָר אַ וואהל-יונגערישן פייף אין די שפיצן פון די בוימער און

גיט אזוי שנעל אַ פּאָר איבער זיי אין זיין ראַעשדיקן שליטן, און עס גייט אַזש אוועק אַ שנייאיקער רויך איבערן פעלד. ווייל ער, גיט ער גאר א טרייסל זיין לייכטן פעלצל, און עס הויבט אָן שיטן גלאט אזוי א שניי. א ניט—גיסט ער אן א באַקאל שטאַרקן זודיקן ווייַן, טרינקט אים אויס און בעגילופנדיק הויבט ער אן זיין געליבטן סניעזשקע=שפּיל—א פריער אזוי לייכט=לייכט, נאכדעם צוגייט ער זיך אלץ שטארקער, שטארקער, הויבט אן שיטן און שיטן, מישט צונויף אינאיינעם ערד מיט הימל, רופט ארויס מיט א פאַרשייטן געלעכטער די שטיפערישע שניי-טעכטערלעך, וואָס דרעמלען אין די שטרויכן און קוקן נאר אויס אויף דער גוטער געלעגנהייט און ער הויבט אן צו פראווען מיט זיי זיינע צאפן-מיסטעריען — — איז דען מעגליך אויסצורעכענען אלץ, וואָס דער יונגער ווינטער-טאָג איז אים שטאנד אָפּצוטאָן אין מעשך פון די קורצע, אבער בליצפולע שאָען זיינע?

און קוקט אים דאָך אן: אט ליגט ער מיט האַלב-פארמאכטע אויגן אויסגעשפרייט מיט זיינע קלארע פעסטע מוסקעלן אויפן שניי, די קורצע פּאָלעס פון זיין ווייסן פוטערל זיינען זיך ווייט צופאָרן, און העל בלישטשעט אין זון זיין ראזע נאקעטע לייב, און ער וואַלגערט זיך אין שניי, ווי אַ יונגער צאָפּנדיקער גאט. אויף אים און אַרום אים טאַנצן די זונען-שטראַלן זייער פייערליכן קאַרעראָד און רייצן אים מיט זייערע זייד=שטיינגעס, וואָס שעמערירן אין די אויגן מיט ראָז און גרין און בלוי. דער יונגער טאג איז פארזונקען אין זיך אליין און גוט איז אים צווישן זיינע מעגליכקייטן, אינם גלאַנץ פון זיין לייב, ביים ווייַן, וואָס שוימט אויף אלע ראָנן אין די בלישטשענדיקע באָקאַלן, נאר ער טרינקט אים ניט, — צווישן די דרעמלענדיקע שניי-טעכטערלעך, וואָס ער רופט זיי ניט אַרויס, ווייל פול איז ער מיט זיין יוגנט, מיט זיין זאַפטיקייט, מיטן גענוס פון זיין קראפט, און דאס איינציקע, וואָס ער טוט — ער גיט זיך אַ הויב אויף פון ארט, גיט זיך א שטעל אנידער אין מיטן פעלד, שטרעקט אויס די הענט אַנטקעגן הימל און גיט זיך א הויב אין דער הויך אויף זיינע מוסקעלן, ווי אויף ספּרונגדזשינעס, און ער לאכט זיך פאנאנדער הילכעדיק און לאנג— גלאַט אין דער וועלט אריין. דער נאך—אן אנטשוויגענער און מיט האלב= פארמאכטע אויגן לאזט ער זיך לאנגזאם צוריק אראפ אויף זיין קאלטן

און איינזאַמן, אָבער קעניגליכן געלעגער. ניין — דער טאָג האָט הײַנט זיינע מעגליכקייטן ניט אויסגענוצט. —

דערמאָנט עס דיר ניט עפּעס אַ צושטאַנד פֿון אונזער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, קינד?

## זאַווערוכע

וויו-או-או, הו-הו-הו! און הימל אַזוי און צושטיקלט פֿון שאַרפן אין בלאַנקונג אין האַקונג ווי קרויט און אַזוי אינם שעטקעווען הוק-הוק און אין פֿליהונג אין וואַנזין פֿון ווינט און אין שעטעך ווי רוכעס וואו ערד און וואו הימל אין וואַנזין און קראַפּט איז אַזוי אינם רוים רוים און הו-הו.

און אין הויבונג אַראָפּונג אַזוי טראַטאַטאַך אין צושטויבונג פֿון זײַ אין אין שנײַ איז פֿון זײַ און אין רעך, וואו מער פֿעלד וואו מער וואַלד ווי אין סאָף-קאַטאַסטראָף אין פֿאַרוואַקסונג פֿון הורבעס די ערד הו-הו-חו.

און אין כאַיע דער ווינט און אין שפּרונג איז ווי גלאָק אַזוי קלונג און אָט הענט אינם כאַפּ פֿאַר די פּיס אָט דעם הימל און באַלד איז אין קנאַלן דער פֿאַל טראַטאַטאַך און אין אָנמאַכט.

און פֿלוצלונג דער ווינט מאַראָדיאַר די בעגאַדיבי אין ריס און אין רײַסונג און אָט איז פֿון בעגעד אין נאַקעט דער הימל און קערפּער אין הויל אַזוי ליגט נאָר אָט-אָט איז אין שוין.

און אין ווינט איז פֿון ווינט אין כאַאָס און צוריק ווי אין שטײַסל אין גאָגעלעך שטויס אין פֿליקונג פּיצפּיצלעך פּיצפּיצלעך אַזוי אין צו-שפּריצונג כאַאָס אין צוריק און אין אין.

און העכער און ווײַטער אין הויבונג אַראָפּונג ווי פּילקעס אין פֿליהונג אַזוי אין צושטיקלונג כאַאָס וואו ער איז אין צושטויבונג צום טאַנץ און אַזוי איז אין ווילד זאַווערוכע וויו-או-או, הו-הו-הו און אָהן ענד איז אין רויך און צו ווענט איז ווי שטויב אין דער פֿליהונג.

נאר אָט פלוצלונג אין בלאָזזאַק הו־הו־הו און דער פלאַקער צוריק
און אין טאָפּ אינם קאַכן צו נייקייט אין וועלט און אין וואו טרו־טו־טו און
אַ קראַך איז אין שווידער צו וועלט און אָט ווידער איז וואָס גאָר א יאם
אין צובּרוויזונג און אט פלוצלונג אין קראַכן אין רייסן אין פאלן אַ שיף
און אט שיפן פארשטיקט און אהן אָטעם.

און באלד ווידער אין הויב און. צו שרעק נאך צו שווידער איז פלוצ־
לונג אין אונטערגאנג רעטעוועט אט און פון קינדער און פרויען אין פלוצלונגן
רופן אזוי און צו הילף אין פארצווייפלונג אזוי אוי־אוי־אוי אין ניטאָען
פון רוף.

און עס רייבּט זיך די אויגן דער כאאס — וואָס איז געשהען
אין דא? — — —

און דיר אין מיין זעהונג אצינד, ווי דו זיצסט, פובּלי אָווידי נאַזאָן,
אַ פאַרטריבּענער פון דיין היים, אויף אַ איינזאַמען פעלז אין דער ווייטער
אונהיימליכער פרעמד אויף די גרויפּעלזיקע ברעגן פון דעם אייביק־פאַר־
כמורעטן, אייביק־רוישנדיקן שווארצן יאַם, און דו קוקסט אויס דיינע אויגן
אויף די ע״יף, וואס זאל זיך דערמאנען אן דיר און קומען דיך נעמען
צהיים — נאר אט טעג אין דער גייאונג און יארן נאך זיי, און ווייס
און ווייסער דיינע האָר, אויסגעלאשענער דיין בּליקן. און שוואַכער דיינע
קייכעס, נאר אלע דיינע האָפענונג־שיפן ווערן צובּראכן איינע נאך איינע
אין די בייזע שטורעמדיקע כוואַליעס און גייען אונטער אין די ברויזנדיקע
אָפּגרונטן, און אט — און דער טויט אין זיין שטייהונג אצינד און אזוי
הינטער דיינע פלייצעס אין שוין — דיין שיף איז ניט געקומען, פובּלי
אָווידי נאזאָן!

---

## אוונט־פרייד.

אין אוונט האָבּ איך דעם טאג אַ צווייטן מאָל געזעהען.
דער מיזרעך איז געווען איינגעטונקט אין אַ יאם פון קאַלטע
מאַטעווע פארבּן, וואס האבּן זיך געקוקט פון אויבן אַראָפּ אינם שניי,
אזוי ווי אין אַ שפּיגל און האבּן אים געפארבּט אין א טאַנץ פון קאָלירן. אָבער

אין וועלכע, אין וועלכע! איז אבער ניט מעגליך צו באשטימען דעם ווינט אין זיין פליהען. דאס איז געווען אַ פּאַרוועט אין קאלירן-איבערקלייבן און דער הימל האט זיי געשליידערט אויף דער ערד כוואליעס-ווייס כוואליעס-ווייס, און באַלד פלעגן זיי דערטרונקען ווערן אין זיך אליין קדיי פון זיך אליין דערנאך ארויסצושווימען, אבער שוין אנדערע — אומ-דערווארטעט-געענדערטע. סאמע הויפן הארייזאנט האט זיך אויף רויטע, מיט בלוט אנגעגאסענע פליגל, אַ רעגע אַגעשעלט די זון, אזוי ווי אַ מי-פישער רויטער פויגל, און — רייטנדיק אויף איר מיטן דינעם זילבערנעם סערפ פון דער לעוואָנע אויפן שטערן און וויזנדיק מיט דער האנט אין דער ווייט אריין, איז אויף איר אַוועקגעפארן דער טאג, און עס איז ניט געווען קיין ביינקעניש אין זיין בליק: ער האט געוואוסט, אז זיין מארגן וועט זיכער קומען — —

מיר ווייסן דאס אויך.

---

## עס גייט א שניי.

וויך און גערוישלאז פאלט דער שניי אויף דער ערד און הער נאר, ווי שא: עס דאכט זיך, אז ניט נאָר דער אוונט אליין האט זיך אפגעשטעלט אין זיין באוועגונג, נאר צוזאמען מיט אים זיינען אומבא-וועגליך געבליבן אויך די מענשן אויף די וועגן, די כאַיעס אין די וועלדער, און די ערד אליין האט פלוצלונג גערוט פון איר מידיקער צווייענדיקער באוועגונג, און אויף דער גאנצער וועלט גייט נאר דער שניי איינער אליין. צוזאמען מיטן רייעך פון שניי דערטראגט זיך אבער ציטנווייס אויך א רייעך פון פאשעטן קוימען-רויך—אין דארף קאכט מען וועטשערע.

איך שטיי אומבאוועגליך אויפן וועג און מיין בליק שווימט ווי א פישל אין דעם ווייסן יאם פון די שניי-שמעטערלינגען, וואס פאלען מיר אין די אויגן אריין, אין די אויערן, און אפילע אין מויל. איך יאג זיי ניט אוועק פון זיך, נאר פאַרקערט, איך שטרעק זיי אויס די אבגעהוילטע הענט און נעם זיי אַלע איבער ווי קינדערלעך. זיי פאלן מיר אויף די

הענט און צוגייען, און צוגייענדיק גיסן זיי מיר איבער זייער קאַלטליכע קלאַרקייט אינם הייסן בלוט אריין, און דערפון איז מיר גוט.

גיט מיך פלוצלונג צום טייכל אַ צי — ווי אַזוי זעט אויס אַצינד אויפן ברעג. אָ, דאָרט איז גאָר לעבעדיק. נאָך פון ווייטן דערהער איך אַ הודזשען, ווי פון אַ בינשטאָק אַרויס, דאָרט פּאַדעט כּעוורע אַרום — דאָרפישע כּעוורע, אַנגעטאָן נאָר טיילווייס אין אייגענע בעגאָדים און דאָס איבעריקע אין טאַטע-מאַמעס אריינגעטאָן אין שליטלעך, גליטש שיך און אפילע אין היימיש-געמלאַכטעטע ליזשעס, פאַרלירן ניט אומזיסט די צייט און האַרעווען ניט אויף אַ געלעכטער. אַראָפּ באַרג און אַרויף באַרג, געפלויגן אַראָפּ און געפלויגן אַרויף, מיט ראַעש און טומל, איינס אָנם אַנדערן געטשעפּעט זיך, איינס אויפן אַנדערן געפאַלן, מיט שריי און געלעכטער אין שנײַ זיך געוואַלגערט, און פאַרשיטנדיק איינס דעם אַנדערן מיט שניי-הויפנס, אַלע ווייסע — האָבן זיי אויסגעזעהן, ווי קליינע זאַרגלאַזיקע באַשעפענישן טאַקע דאָ נאָר וואָס פון שניי אַרויס געבאָרענע, אַזוי ווי לעבעדיגע שניי-מענטשן — כאַ-כאַ-טו-טו.

— גיט אַ שליטל אַראָפּצוגליטשן זיך... איינמאָל.

קוקט כּעוורע מיך אָן מיט אימצוטרוי: אַזאַ גרויסער „דיאַדיע" קען ניט זיין, ער זאָל דאָס מיינען ערנסט. ניט מעגליך, דאָס טרײַב איך נאָר כויזעק.

האָט פּלוצלונג עמיצער אַ סיגנאַל געגעבן: וועטשערע עסן!

וואַרפט כּעוורע אַוועק האַק און פּאַק און צולויפט זיך בליצשנעל מיט געלעכטער און טומל אין אַלע זייטן — אַפּכאַפּן די וועטשערע, טאַטע-מאַמע זאָלן ניט רויגעזן, און דאַן — שנעל צוריק. בין איך ווידער איינער אַליין אין שטומער שטילשווייגענעש געבליבן. איך וואַרף גלאַט אַזוי אַ בליק אַהינטער — גיט מיין אייסיק, נאָר דאָרט איז שוין לאַנג קיינער ניטאָ. גיב איך זיך פּלוצלונג אַ שנעלן כאַפּ אַרויף אויף אַ שליטל און פלי אַראָפּ בליצשנעל פונם הויכן באַרג און שיר וואָס איך פלי ניט אין טייכל אַריין.

דער שניי האָט גענומען פאַלן נאָך געדיכטער. מיט לייכטע יונגע טריט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פיר איך צוריק דעם שליטל

באַרג ארויף און איך פיל מיך, ווי איך וואלט פלוצלונג אַ האלבן זאק ארן פון הינטער די פלייצעס אַראפגעווארפן. אויפן באַרג סטארע איך מיר גלאַט אזוי איועקצישטעלן דעם שליטל אויף זיין פריערדיקן ארטי איך שטרעק ווידער אויס מיינע הענט אנטקעגן די פּאַלנדיקע שנייעלעך און איך פיל, ווי מיינע פארוויאלעטע הענט צובליהען זיך ווידער אין דער ווייסער קעלטליכער פרישקייט, ווי זיי האבן זיך שוין געהאט אמאל צובלט אזוי צאפלדיק ארום איינעם א יונגן שלאנקן פרויען־קערפער.

---

# א קראַנקער טאָג.

דער טאג האט זיך היינט אויפגעכאפט אַ שווייסיקער, אַ קראַנקער און ער איז פון ביינאַכט שוין געבליבן אזוי ליגן אַ אָנמעכטיגער און א צוכראסטעטעטער אויף זיין פארברודיקטן ערד־געלעגער,—מער ניט וואס ער האט אויפגעעפנט זיינע גרויסע געלע אויגן און ער קוקט. פארררוק איך זיך בעקיוון אין דער טונקלקייט פון מיין ווייטסטן צימער־ווינקל, אבי וואס ווייטער פון פענסטער, אבער די קריינקליכע געלקייט געפינט מיך אויך דארט. זי קוועטשט מיר איין דעם שארבן אזוי ווי מיט רייפן און אזוי ווי א דיגער נעבלדיקער שטויב, זייט זי זיך א דורך דורך די ביינער אין מויען אריין און סאמט אים מיט איר זשאווער—ניט צו ראטעווען זיך! רינט אין צימער פון די שויבן, אין דרויסן פון די דעכער און דער פארוואונדעטער בליק ווארפט זיך אין פארבלוטיקונג אויפן שניי.

כאַפּ איך ארויף אויף זיך דעם אויבערבעגעד און אנטלויף אין די בוימער אריין. קעיט זיך דארט עמיץ פויל און שווער אין די שטרויכן, עמיץ קרעכצט און שפייט. און לויפט אין א ווינט, שטעלט זיך פאר, אז דאס נאָיעט עמיצער פון שפּארקן צאָנוויטאַק. אזוי איז ביז האלבן טאג. די הענער קרייהען א דורך און זאגן פאר קלוימערשט ענדעיונגען אבער די ענדערונגען זיינען קליינע. דעם טאג ווערט נימעס צו וואלגערן זיך אויף די וועגן, שטייט ער אויף און—אין א פארטאבאקטן כאלאט לאזט ער זיך שליאנדערן מיט ניט זיכערע טריט אין די גרויסע פאנטאפל אויף די הויכע ביינערדיקע פיס, און ערגעץ קען ער זיך קיין ארט ניט

עפינען. גייט שוין אלץ אוועק כאדראם. דער רויך פון די קוימענס האט קיין מוט ניט צו הויבן זיך אין דער הויך, פאלט ער ווי שיקער פון די פיס און מישט זיך אין איין קאשע מיטן נעבלדיקן דרויסן. די פויערים, וואס זיינען אין דער פריי אוועקגעפארן אין וואלד נאך האלץ אויף שליטנס קערעווען אראפ פון ווייך-געווארענעם, צוקראכענעם שליאך, און זוכן זיך אומזיסט בעסערע וועגן אין זייטיקן שניי. די זון איז אין גאנצן ניטא אויף איר ארט. און דער ווינט—אט גיט ער א בלאז אזוי פייכט און ניט אנגענעם, און אט בלייבט ער גאר ערגעץ שטעקן צווישן די ערשטע בעסטע צוויי שטרויכן אין וועלדל. אנ׳איינפאל פון א טאג: שוין סאמע קעגן אוונט פאלט אים איין, און אט קריכט ער גאר ארויף אויף א בוים, זעצט זיך רייטנדיק אויף א צווייג מיטן רוקן צום וועג, צושאקלט זיך אהין און אהער מיט די פיס ווי מיט צוויי ברודיקע שמאטעס, און הויבט גאר עפעס אן צו זאגן אויף אויסווייניק אויף א אומבאוואוסטע שפראך, אבער מיט אנ׳אלטן גוטבאקאנטן דערעסנדיקן ניגן. דאס געדויערט אבער אויך ניט לאנג. נאך איידער עס קומט אן דער אוונט, איז דער טאג שוין ניטא אויפן בוים. גאר אומגעריכטערהייט האט ער זיך צוריק אויף דער ערד אראפגעגליטשט און אזוי ווי ער שטייט און גייט איז ער באלד דער אויווער-באטלדיקער, שלאפן אוועקגעפאלן — אט טראגט זיך שוין פון גראבן זיין מידיקער, וואסערדיקער שנארכן.

אין איילעניש איז פון ערגעץ פלוצלונג א העזל אנגעפלויגן און איז באלד אין שרעק און איילעניש ווידער פארשוואונדן. אין דער פינסטערער פארדומפנקייט צוטראגט זיך נאך שטארקער דער רייען פון פוילעניש און רעפועס— — —

---

## ווינטער-שפראך.

גיט א קלונג די מויל פונם האלצהעקער די האק אין דער פראסטיקער לופט אריין הוק-הוק, הוק-הוק, קלינגט עס לאנג הילכיק און שארף אין ד סטאלערנע דארטנס און דאען. און ווערט אנשטומט די האק, האט זי א גוטע כאווערטע, וואס פארבייט זי גלייך, און דאס ווארט נעמט איבער די זעג: זעג-זעג, זעג-זעג.

זעט די זון — דער פראסט איז שטארק, ניט פאר אירע שוואכע קויכעס צו פארוועטן זיך מיט אים, גיט זי א מאך, א רעזיגנירטע, מיט א לעצטן בינטל שטראלן, ווי מיט א האנט, און פארגייט אין איר וואלקן-ביידל ארײַן. ספראוועט אײַך, ווי איר קענט. הויבט אויף דער שניי אונטער די פיס נאך העכער און נאך דרייסטער זיין שטימע, און עס קלינגט אזוי אויסדריקליך דעקלאמאטאריש: סר-סררר... און עס דאכט זיך אזש, דו פארשטייסט, וואס ער זאגט. און דער ווינט גיט דיר שנעל און שארף א שניט אין סאמע אויער ארײַן: היט די אויערן! היט די אויערן! און פארט דורך א פויער אויף א שליטן, ריידן שנעל אוועק די אפלאזעס איבערן שניי: כאפ זיך ארויף! כאפ זיך ארויף! אלץ גיכער זועסטו אנציהען א היים — — און פלוצלונג גאר סאמע איבערן קאפ: קרא-קרא — א גרילצנדיקער שרייען פון קראען. פארטראכט זיך דער פויער אויפן שליטל — דאס קראקען, ווייסט ער, דארף עפעס באטייטן. גיט ער האסטיקער א שמיץ די פערדלעך: שנעלער! וויא-א! איינגעטונקט פון קאפ ביז די פיס אין פרירנדיקן נעבל, איילן זיך די פערדלעך שוין אליין אויך. זיי ווייסן, אז באלד הינטערן וואלד וועלן זיי האבן זייער אפשטעל. און פלוצלונג קנאק! גיט א בוים אין מיטן דערינען א קנאק, אזוי ווי דאס הארץ זיינס וואלט די פראסט-אנשטריינגונג ניט אויסגעהאלטן און וואלט פלוצלונג פלאצן. פון אומגעריכטקייט געבן די פערדלעך נאך א האסטיקערן פלי און רוכעסדיק גינן זיי זיך א טראג אוועק איבערן פעלד.

— דו ווייסט — זאגט מיר פלוצלונג דער פויער אינם פליהען — וועלף האבן זיך דא היינטיקן ווינטער באוויזן. וואיען אין די נעכט.

וועלן שוין די פערדלעך, ווייזט אויס, מיד און פארלאנגזאמערן זייער לויף. טשעפעט זיי ניט דער פויער, אט שטריינגט ער גאר אן זיין געהער און פארטראכט זיך א ווײַלע.

— און א שיסערייַ האסטו געהערט?

— ניין.

— אט הער זיך צו.

איך שטריינג אויך אן דעם געהער. יא, דאס זיינען הארמאטן-קלעפ ווייטע און טויבע, אבער אימפאנירנדיקע.

— די רויטע ארמיי לערנט זיך דאס שיסן. נעבן מאסקווע ערגעץ — אנ זערע כלאפצעס — ערקלערט דער פויער זעהר רוהיק און באטראכט. יא-יא, די רויטע ארמיי פארשלאפט ניט די רוהיקע צייט.

און אט גיט גאר דער פויער א לייג אוועק די בייטש אן א זייט, גיט זיך א שפיליע פאנאנדער דעם אויבערבעגעד און געלאסן נעמט ער זוכן זיינע רויכער-מאכשירים.

איך קוק אויף אים, און מיין געניטער בליק זעצט באלד איבער זיינע פויעריש-רוהיקע רויכער-באוועגונגען אויף דער אינטערנאציאנאלער דיכטער-שפראך, און עס באקומט זיך גאנץ געגוי:

— זיי רוהיק, פעלד, דיין היטער וואכט!

---

# פארגאנג.

צופעליק איז מיר היינט אין מיין איינזאמקייט א צייטונג אין די הענט אריינגעפאלן און, ביגעניייוע פונם דאקטער, איז מיין צושרויפטער געדאנק מיט אמאל צוריק אינם גרויסן וועלט-ראעש אריינגעצויגן געווארן. אבער פארט לאזט זיך מיין בעסערונג שוין פילן. איך האב באלד א קאמאנדעווע געטאן איבער מיין נערוון-פראנט: „שטיי!“ און מיין באפעל האט א פעאולע געהאט. די אלע ברענענדיקע טאג-פראגן זיינען באלד צוריק בלאס געווארן, אזוי ווי מיט א נעפל זיך פארצויגן. נאר איין צופעליק בילד פון אנ'ארטיקל איז מיר אין קאפ געבליבן שטעקן: וואו די אלטע וועלט איז צוגעגליכן געווען צו א מיפישער כאיע, וואס האט געהאלטן פארקישעפט די וועלט מיט אירע סאמעמאוועסדיקע בליקן, לויט ווי עס ווערט דערציילט וועגן א געוויסן סארט שלאנגען, וואס פארקישעפן זייער רויב מיט די בליקן און פארצוקן זי דערנאך אן שום ווידערשטאנד. איז אויפגעשטאנען דער אקטאבער און האט בא דער כאיע די רעכטע אויג אויסגעשטאכן. אצינד קוקט זי מיט איינע, אבער אזוי בייז, ווי א ווילדגעווארענער איינאויגיקער ציקלאפ.

ליג איך אצינד אויפן בעט און קען די אויגן ניט פארמאכן, ווייל ווי נאר איך טו עס, שטייט שוין טייקעף פאר מיר דער ציקלאפ און ערקישעפט מיך מיט זיין אויג און באלד פיל איך — הויבן זיך אן ביילן מיינע

הענט און אַט הויבס מיך אָן צו שווינדלען. — און אַז איך וואַרף אין אַ צייט אַרום אַ מידיקער מיינע בליקן צום פענסטער, גיב איך זיך פלוצלונג אַ כאַפּ: די זון פאַרגייט שוין! האָב איך אַזוי לאַנג איבער דער צייטונג פאַר־בראַכט? און מיין אוונט־שפּאַציר! כאַפּ איך אַרויף אויף זיך דעם בעגעד און אייל אַרויס אויפן אַספאַלט. —

די זון האָט זיך נאָר וואָס געזעצט, און אין מאַירעוו־זייט האָבן גע־בליצט מיט זייערע וואַסערן צוויי גרויסע טייכן — אַ טייך פון ברושטין און אַ טייך פון פּורפּור, און איינע מיט דער אַנדערער האָבן זיך ניט צונויפגע־מישט. פון די צוויי הויפּט־טייכן האָבן זיך אין אַלע זייטן געאָדערט אַ סאַך אַנדער־פאַרביקע טייכלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט, געהוידעט, דאָ פאַר־שוואונדן און דאָ ווידער זיך באַוויזן. אָבער אויך די גרויסע טייכן האָבן זיך פּלוצלונג גענומען ענדערן אין זייערע בעטן, און דאָ האָבן זיי גאָר גע־נומען ווערן קלענער און — ניטאָ מער קיין טייכן. די זון איז שוין אויך ניטאָ, זי האָט שוין אָפּילע פאַרשאַרט איר לאַנגע קעניגליכע שלעפּע אויף יענער זייט הימל, און עס איז באַדייטנדיק טונקל געוואָרן. אין מיזרעך־זייט האָט זיך פון הינטערן וואַלד אַ שטערבליך־געלע אָוועקגעשטעלט די לע־וואָנע. אָבער וועמען גייט זי אָן? דער גאַנצער מאַירעוו פלאַקערט מיט פלאַם און מיט פייער, די רייזיקע הימל־קוזניע האָט צופּאַכט איר בלאַזאַק, אַ האַלבער הימל האָט זיך צופלאַקערט מיט פלאַמענדיקע קוילן הוק־הוק, און הוק הוק — די גאַנצע וועלט ווערט פאַרשפּריצט מיט גאַנצע אויצרעס גליענדיקע פונקען און די קעלט כאַפּט פאַר די אויערן, דערצו האָט שניידנדיק אַ צי געגעבן אַ ווינט — אוך, ווען זיך דאָס אויסשמידן אַ פּרעסטל אויף באַנאַכט.

און פלוצלונג גיט דער מויעך מיר מיינער ווידער אַמאָל אַ טראַג אונטער: וואָס, אַ פּרעסטל! ניין, דאָס האָט זיך ביזן הימל צושפּריצט דער שטורעמווינט פון די פייערפונקען — הוק־הוק! — איבער טולע דער שמידעריי, און געשמיט ווערן דאָרטן ניט קיין סערפּעס, ניט קיין אַקער־אייזנס, נאָר שווערדן און ביקסן, ביקסן און שווערדן! און ווידער האָבן זיך גענומען דרייען די רעדער פון מיין מויעך און די הענט האָבן זיך אין קראַמפּהאַפטיקע פויסטן געביילט:

— גיב זיך אונטער, איינאויגיקער ציקלאָפּ!

---

# ווינטערזאַרג.

אָנגעטאָן אין אַ לייכטן מאָסקעווער זויבער-פּרעסטל פון אַ 10-12 גראַד, איז דער ווינטער-טאָג אַזוי באַכעריש-יונג, און אין האַנט האַלט ער אַזוי ווי אַ שפּיגעלע די זון און וואַרפט מיט איר קונדעסדיקע העזלעך אויפן שניי. און וואו דו גיסט ניט אַ וואָרף דיין בליק, בליצן אומעטום בריליאַנטן און בריליאַנטן, און אָט שון גאָר שווימען זילבערנע פישלעך אין שנייענעם טייך און זיי הייגעבן זיך אויף דיין בליק, ווי אויף אַ וווּנדקע. אָבער פישלעך איז אַזוי פיל, און אַלע זיי בעטן זיך: צי אונז אַרויס, צי אונז אַרויס, — קען זיך ניט ספּראַווען דאָס אויג מיט אַזוי פיל קאָסטבאַרע מאַסע און פון דער בליציקייט מוז זיך פאַרמאַכן דאָס אויג.

אין וואלד איז דער גלאנץ מעסיקער. און קוקסטו דורך די בוימער ארויף, זעסטו אזוי קלאר אין הימל דעם בלויען פויגל אויף די דורכזיכטיקע העל-בלויע פליגל דארט שווימען, און גרייט ביזטו אויסצושרייען: מענטשן, אט איז ער! די הויכע ווייסע ברעזע-בוימער זעהען אים שוין לאנג, אבער אין פארגליווערטקייט איז שטום זייער שפראך און קוים וואס זיי קענען נאך טוליען צו זייערע קני די יעלאווע און סאסנע-שטרויכן, וואס רינגלען זיי ארום אונטן אזוי ווי די שפיל-קינד'ערלעך, וואס זיינען זיך צונויפגע-לאפן אהער, אויסגעפוצטע אין די גרינע און ווארימע שטאפן.

איך גיי צוריק ארויס אויפן וועג און לאז זיך גיין אויפן רויכל, וואס פלאטערט אויף דער זון, ווי א בלויער דורכזיכטיקער וואואל. דארט ארבעטן האלצהעקער. די העק-קלאנגען הער איך נאך פון דער ווייטן. און דא דערזע איך — עס גייט מיר אנטקעגן מיכאילא, דער שיינער און ווייסצייניקער מיכאילא, וואס איז ניט לאנג געקומען פון ארמיי און ער דערציילט מיר אלע מאל פון זיין גרויסן ערפאלג בא די דארפישע מיידלעך.

— מיכאילאון, וואוהין?

— אזוי — מאכט ער זיך רוהיק.

— און וואס טראגסטו עס אין פלעשל?

— עס. אזוי — ווערט ער ערנסט — קוים געקריגן.

— הייסט עס, שנאפס? — לאך איך.

— יא — מאכט ער ערנסט — ווייסט דאך, אז איך טרינק ניט, אזא נויט געקומען.

— וואס פאר א מין?

— איך גיי זיך דאס שאדכענען. אין שכײנישן דארף. איז די מאדע אזא.

— דו? עס פעלט דיר דען מיידלעך? אזא שײנער יונג ווי דו ביזט.

— יא — ענטפערט ער רוהיק: — מיט מיידלעך ביזטו אבער קײנמאל ניט זיכער. די נעכט ווערן אלץ לײנגער און קעלטער. קײן ווארימע בע־גאדים צו צודעקן זיך איז אויך ניט איבעריק פאראן — גלײכער צו האבן אנ׳אײגענע ווײב.

פון ווײסן האט זיך געלאזט הערן א זילבערנער גלעקל־געקלאנג.

— אויך א כאסונע — האט מיכאילא פיל־באדײטנדיק אונטערגעוואונ־קען אין מײן זײט.

---

# מאהילניק

און געגליכן ביזטו, ערד, צו אנ׳אמעבע, וואס האט ניט קײן מויל, נאר אז זי דארף פארצערן, עפנט זי א מויל וואו עס פאלט איר אײן אין איר קײלעכיקײט און סאכמויליק אזוי ווי זי ביזטו, ערד, און אזוי ווי זי שלינגסטו אומעטום מיט דײנע מאהילניקעס־מײלער, און ניטא צו דיר קײן זעט. אײן פרעסערישן מויל אזא דײנעם זע איך אין זײן העסליכקײט אלע טאג אויפן בערגל. די ליפן — א צווישאווערטער פלויט און צלאמים, צלאמים — דײנע צײנער, שפיציקע און שטעכיקע, שווארצע און אויסגעקרימטע, אזוי ווי בא א מעכאשײפע. עפנסטו דעם דאזיקן מויל דײנעם אלע טאג, אפטמאל צוויי־מאל א טאג — אנ׳עפן, א שלונג און פארמאכט — אנ׳עפן, א שלונג און פארמאכט־ ריטמיש און העסליך, ווי דער ריטעם פון א גילאטינע.

דײנע צײנער־צלאמים וואקסן דיר שוין לאנג פון די ליפן ארויס, און די קווארים דײנע רוקן זיך לאנגזאם, אבער זיכער, אלץ נידעריקער פון בערגל אראפ, און זײער וועג איז — צום וועג. צום וועג איז נאך א היפשער מעהאלעך, אבער איך ווײס, אז דו וועסט זיך צועפענען, מויל, אויך ביז דארט און עמיץ עמיצן וועט מוזן אפטרעטן דעם וועג.

ביינאַכט — און מיין אויג איז צום מאָהילניק. בלאַנדזשען דאָרט אום פֿייערלעך אַהין און אַהער — אַבאַגרעבעניש. די נאַכט איז אַ ווינטער-דיקע, אַ ק'אַנגע, און דיין אַפּעטיט איז פֿרעסעריש, ערד, שלינגסטו אויך ביי נאַכט.

---

## צו-צווייאונג.

אויבן אַ פֿײַנסטערער הימל, אונטן אַ ווייס פֿעלד, און מיר שניידן זיך מיט אַ פּאָר פֿלינקע פֿערד אין שניידנדיקן ווינט, וועלכער וואַרפֿט אונז געשווינט אין די אויגן אַריין טעלעגראַף-סלופּ, טעלעסלופּ, טעסלופּ, לופּ-אופּ-אופּ-אופּ... מיר פֿאָרן צום וואָקזאַל.

איך פֿאַררוק דעם פּאָנעם טיפֿער אין קאָלנער אַריין פֿונם ווינט און קוק מיט איין בריל אין דער ברייטקייט און שנייאיקייט אַרויס. אויבן דאַרף ערגעץ זיין אַ פֿולע לעוואָנע — עס איז האַלבער כווידעש, אָבער דער צוהולעטער ווינט האָט היינט אומגעקערט דעם גאַנצן סיידער אין איין מילכעדיקער כאַאָטישער דרייאונג און אין מיין פֿליהונג אין דער דאָזיקער מילכעדיקייט איך זע זיך אַ שטויבל און אויך אין כאַאָס אין דער דרייאונג און מיינע גלידער זיי קלינגען ווי גלעקלעך אין שנייאיקן ווינט: ווינטער-פֿרייד! ווינטער-פֿרייד! ווי האַרמאָניש דאָ איז דער כאַאָס.

אָט פֿליט פֿאַרביי פֿון מאָהילניק די פּילפּאַך-צוקרייציקטע שוואַרצקייט אין שאָטנס; אָט אין טאָלכל גיט אונז אַ נעם אַריין אין די אָרעמס דאָס ערשטע דערפֿל מיט זיינע אומגעלומפּערטע שטרויענע לאַפּעס — ווי באַקאַנט מיר איז דער וועג. דאָ נעבן דערפֿל איז געוועזן די גרענעץ פֿון מיינע טעגליכע שפּאַצירן. דאָ בין איך ווידער געוועזן אין מעשעך פֿון וואָכן אַ קליין שוואַרץ פֿלעקל אויף דער ווייסער שנייאיקייט, וואָס האָט מיר אין האַרצן צושמאָלצן דעם האַס און די שטייפֿקייט פֿון קאַמף אינם לויף. זייט געזונט, טרייע וועכטער פֿון דער אייביקייט — פֿעלדער אומענדליכע, איך גיי זיך ווידער אַמאָל שפּאַנען אין וואָגן פֿון טאָגטעגליכקייט.

און אַזוי ווי בעקיוון, קעדיי לעבעדיקער פֿאַרצושטעלן מיר מיין מאָרגן, צופּייפֿט זיך נאָך הילכעדיקער דער ווינט מיר אַנטקעגן וויו-הו-הוס:

דארט אין שטאט האלט עס נאך אין סאמע מיטן, און איך בין נאר צייטווייליק דערפון א פארוואונדעטער סאלדאט. נאר אט האבן זיך אביסל פארצויגן מיינע וואונדן, און ווידער מיין איך אין צורודער אזוי וואס איך בין און צו קאמף איז אין ביילונג דער פויסט—שנעלער, איר פערד! מיינע גלידער ווערן ווידער פול מיט שטייפקייט און ליידנשאפט און איך פיל אין די אויגן—עס שארפן זיך ווידער די שפיזן די אלטע אין בו'ך צו דערלאנגען פון וועלט—או-הו-הו.

נאר אט—וואס זיינען עס פּאר א פייערן אין דער וייט? און דאס הארץ גיט מיר פלוצלונג א געשריי אין די סאמע אינגעווייד אריין: שוין דער וואקזאל! וואס זשע זיצסטו נאך דא אויפן שליטן? אט איז `נאך ניט שפעט, כאַפּ זיך אַראָפּ אינם פלי און אַנטלויף. און אָן מוירע פאַר שניי, און ווינט, און קעלט—דאָ וועסטו זיך דערוואַרטן אויפן פרילינג און צוזאַמען מיט די גראָזן אין דער דאָאיקער בליאונג און מיט דֿי טוואוּזס אַזוי אינם וואַקסן פון דיר אינם לויף — — —

און איידער דער פורמאַן האָט אָפּגעשטעלט די פערד, איז איינער שוין ניט געווען אין שליטן, און דער ווער קען אים זעהען אַצינד. אַבער מיט פעסטע טריט און מיט אָנגעשטריינגטע בליקן איז אין וואַקזאַל אריינ-געגאַנגען מיין צווייטער איך.

צוריק צו דיר, שאַרפווינקלדיקע שטאָט!

---

## נייע ווערק פון מוישע טייטש.

ס'זיינען דערשינען:

1. כראָניק-בוך. (פאעמע אין 3 טיילן).
2. אָקטאבער-פרייד. (לידער)
3. טעג אן דיר. (קליינע פאַעמען),

# א נייע ווערק

שמועל פערסאוו

# שערבלאך

דערשינען

מאסקפראפבילד — אידגעזקאם

# אידישע פאליגראפישע שול

מאסקווע.

Р. Ц. № 1337. Москва. Тираж 3000 экз.